ישראל שטערן

# שלאַכטן

אין גרויסע הייזער לעבן מענשן ווי פאַרנאַכטן.
איבער זייער קאָפּ הענגט דער הימל מיט ברענענדער געוואַלד.
און אַזוי זייער טרויט (וואָס גליכט ביז אונענדליכקייטן) פאַלט,
ווייסט ער: מ'ר גרויסע הייזער זענען גרויסע שלאַכטן.

אויף גרויסע הייזער פאַלט ווי אַן עפּילעפּטיקער דער טאָג.
איבער גרויסע הייזער דעמערט און־עס צינדן זיך די העכער אָן,
אין גרויסע הייזער פאַרלירן מענשן פון דער וואָג,
און־עס קאָרטשען זיך די לונגען אײַן ווי אויפ'ן ווינט אַ פאָהן.

דאָרט האָבן מענשן אין די אויגן מענשעלעך פון גלאָז.
זיי שווייגן אַרויף: „גאָט, דו ווייסט, וואָס מ'ר מיינען".
און זייער נאַכט־שלאָף נישט אײַן: זי איז אַן איבערגעדרעהטער שלאָס...
און זייערע טעג האָבן ווײַסע בערד און הוסטן ווי די זקנים.

מיט שטומע בליקן און שטאָלצע, פרעמדע, ווי זקנים פון אַ אַנדער וועלט
קומען טעג מיט ווײַסע בערד און שטעלן זיך אַוועק צוקאָפּענס
פון אַ קראַנקען. ער שוידערט אויף. ער כאַפּט און מיט די הענט פאַרשטעלט
ער ס'פּנים; נאָר—ווי—דורך די פינגער רינט, רינט די זון ווי ראָפּע...

די זון איז קיין זון נישט: אַרום יעדן חולה טונקלען, רינגלען זיך געשטאַלטן
(אַזוי פּיל, ווי פיל יאָהר עס איז אַוועק),
און ווי'ל מען אַרויס, פאַרצוימט זיך דער וועג,
עס בויגן אין צימער זיך צוזאַמען די ווענט,
גלײַך ווי זיי וואָלטן צו גאָט זיך געווענדט
און לייגן צונויף אין געבעטן די הענט,
עס בויגן אין צימער זיך צוזאַמען די ווענט...

אין גרויסע הייזער לעבן מענשן ווי פאַרנאַכטן.
איבער זייער קאָפּ הענגט דער הימל מיט ברענענדער געוואַלד.
און אַז זייער טרויט (וואָס צינדט זיך ביז אונענדליכקייטן) פאַלט,
ווייסט ער: מיר גרויסע הייזער זענען גרויסע שלאַכטן.

שלאַכטן

הײַנט (וואַרשע, 1939–1908)

27, נומ' 260, נאָוועמבער 16, 1934, ז' 6